# סימפּטאָמען פון פינאַנציעלע עקספּלואַטאַציע (אויסנוצן איינעם לרעה פאַר זיין געלט)

## עלטערע מענטשן אָדער אינוואַלידן קענען ווערן אויסגענוצט לרעה פינאַנציעליש אויב זיי זענען:

- פאַרנאַכלעסיקט אָדער ווערן נישט אויפגעפּאַסט ווי געהעריק, ווי עס פּאַסט לויט זייערע באַדערפענישן אָדער פינאַנציאַלער מצב.
- איזאָלירט פון אַנדערע קרובים אָדער פון תמיכה.
- באַגלייט דורך אַ פרעמדן וועלכער דערמוטיקט זיי אַרויסצוציען גרויסע סומעס מזומן־געלט.
- באַגלייט דורך אַ קרוב אָדער אַן אַנדערן וואָס עס זעט זיך אויס אַז יענער צווינגט זיי דורכצופירן טראַנסאַקציעס.
- טאָרן נישט רעדן פאַר זיך אָדער אָננעמען די אייגענע באַשלוסן.
- מיט אַ באַקאַנטן וואָס שיינט צו זיין צופיל פאַראינטערעסירט אין זייער פינאַנציאַלן מצב.
- נערוועז אָדער שרעקן זיך פאַר דעם מענטשן וואָס באַגלייט זיי.
- געבן אָן צווייפלהאַפטיקע הסברים וועגן וואָס זיי טוען מיט זייער געלט.
- פאַרזאָרגט אָדער מבולבל איבער „פעלנדיקע געלטער“ אין זייער באַנק.
- קענען ניט געדענקן האָבן געהאַט אויסגעפילט פינאַנציאַלע טראַנסאַקציעס אָדער גע'חתמ'עט אויף דאָקומענטן.
- דערשראָקן אַז מ'וועט זיי אַרויסוואַרפן פון זייערע הייזער אָדער אַריינשטעלן אין אַ מוסד אויב מ'וועט נישט געבן קיין געלט צו דעם וואָס פּאַסט אויף זיי.

## פאַרדעכטיקע באַנקיר אַקטיוויטעט

- אַן אומגעוויינליך כמות פון באַנקיר אַקטיוויטעט:
  - אָפטע קאָנטע טוישונגען פון איין באַנק/סניף צו אַ צווייטן.
  - אַ טויש אין דורכשניטליכן סדר פון אַרויסציען געלט, אָדער אומגעוויינליכע הויכע סומעס.
  - גרויסע אַרויסציאונגען אָדער אַריבערפירונגען פון נישט לאַנג געעפנטע בשותפותדיקע קאָנטעס.
- באַנקיר אַקטיוויטעט נישט בהתאם מיטן קליענטס געוויינליכע רגילות'ן:
  - גרויסע אַרויסציאונגען פון קאָנטעס וואָס זענען נישט געווען אַקטיוו ביז אַהער, אָדער פון אָפּשפּאָר קאָנטעס.
  - אָפטע אַרויסציען געלט פון אַן ATM מאַשין, ספּעציעל אויב דער אַלטער איז פיזיש שוואַך און האָט ביז דאַן נישט גענוצט קיין ATM מאַשין.
  - כסדר'דיקער אָפּצאָל פון דירה געלט/וואַסער/עלעקטריק און דאָס גלייכן דורך אַ טשעק שטעלט זיך אָפּ פּלוצלונג.
  - סטאַבילע טראָסטן מיט איין און איינציקער געניסער ווערן צוריקגעצויגן.
  - דיסטריביוציע פּראָוויזיעס ווערן געטוישט צו פאַרלאַנגען צאָלונגען צו אַ דריטן צד.
- פאַרדעכטיקע חתימות אויף טשעקן אָדער אויף אַנדערע דאָקומענטן, ווי אַ שטייגער אַפּליקאַציעס פאַר קרעדיט־קאַרטלעך:
  - די חתימה שיינט צו זיין געפעלשט.
  - די חתימה זעט אויס ריכטיק, אָבער די סומעס זענען געשריבן אין אַן אַנדער כתב.
- באַנוץ מיט פאַרשידענע פענס אָדער טינטס קען באַדייטן אַז עפּעס איז נישט כשר.
- פּלוצעמדיקע פאַרמערונגען אין אָנגעזאַמלטע חובות בעת דער אַלטער זעט אויס נישט צו וויסן פון טראַנסאַקציעס:
  - הלוואות פון באַנק אָדער צווייטע מאָרטגעדזשעס ווערן איינגעהאַנדלט.
  - גרויסע חובות פון קרעדיט־קאַרטלעך אָדער רעזערוו קרעדיט.
- אַ נאמן אָדער אַן אַנדערער נעמט זיך אָפּגעבן מיטן דערוואַקסענעמס ענינים, אַרויסציענדיק געלטער אָן קיין קענטיקן תועלת פאַר דעם דערוואַקסענעם.
- באַנק באַריכטן און אַנולירטע טשעקן ווערן שוין מער נישט געשיקט צו דעם קליענט אין דער היים. (באַשטעטיק אַז דאָס איז דעם קליענטס ווילן).
- צווייפלהאַפטיקע סיבות פאַר דער באַנק אַקטיוויטעט ווערן אָנגעגעבן דורך דעם אַלטן/אינוואַליד אָדער דורך דעם באַגלייטער.

**קעפּיטעל וויו אָפיס פּאַרק (Capital View Office Park)**
**52 Washington Street**
**Rensselaer, New York 12144**

באַזוכט אונזער וועבזייטל:
**ocfs.ny.gov**

פאַר אינפאָרמאַציע איבער אויפצי און אַדאָפּטירונג, רופט:
**1.800.345.KIDS (5437)**

אויף אָנצוקלאָגן איבער קינד באַלעסטיקונג און בייז־האַנדלונג, רופט:
**1-800-342-3720**
**TDD/TTY: 1-800-638-5163**

פאַר אינפאָרמאַציע איבער דעם שוץ פאַרן אונטערגעוואָרפענעם קינד אַקט (Abandoned Infant Protection Act), רופט:
**1-866-505-SAFE (7233)**

פאַרן טעלעפאָן נומער פון דעם אָפיס פון באַדינונגען פאַר אונטערגעוואַקסענע אין אייער געגנט, רופט:
**1-844-697-3505**

אויב איר זענט טויב און/אָדער האָט שווערקייטן הערן, רופט אייער ווידיאָ רילעי סיסטעם פּראָווײַדער (Video Relay System provider) און בעט צו פאַרבונדן ווערן מיטן טעלעפאָן נומער וועלכן איר ווילט דערגרייכן.

*„...פּראָטערזשירן די זיכערהייט, שטענדיקייט און וואוילזיין פון אונזערע קינדער, משפחות און קהילות...”*

בהסכם מיטן Americans with Disabilities Act, וועט דער New York State Office of Children and Family Services צושטעלן דעם מַטעריאַל אין דעם געהעריקן פאָרמאַט אויפן פאַרלאַנג.

**Pub-4664-YID** (Rev. 05/2016)

NEW YORK STATE
שוץ באַדינונגען פאַר דערוואַקסענע
אַ ביוראָ פון דעם אָפיס פון קינדער און משפחה באַדינונגען

# פינאַנציעלע עקספּלואַטאַציע (אויסנוצן מענטשן לרעה פאַר זייער געלט) פון אַלטע־לייט און אינוואַלידן



באַזוכט אונזער וועבזייטל: ocfs.ny.gov

NEW YORK STATE
שוץ באַדינונגען פאַר דערוואַקסענע
אַ ביוראָ פון דעם אָפיס פון קינדער און משפחה באַדינונגען

## אַריינפיר



פינאַנציעלע עקספּלואַטאַציע (אויסנוץ איינעם לרעה פאַר זיין געלט) פון עלטערע און אַנדערע באַגרענעצטע אונטערגעוואָרפענע קומט פאָר אַלץ מער און מער. פינאַנציעלע עקספּלואַטאַציע ווערט דעפינירט אין Social Services Law 473.6 ווי: **דאָס נישט־פּאַסיקע נוצן פון אַ דערוואַקסענעמס געלטער, אייגנטום אַדער רעסורסן דורך אַ צווייטן מענטשן אַריינרעכנדיק, אָבער נישט אויסשליסליך, רמאות, פאַלשע אויסגעבונגען, פאַרשווינדלונג, קאָנספּיראַציע, פאַלסיפיצירונג, פעלשלעכע רעקאָרדן, געצוואונגענע איבערפירונג פון פאַרמעגן אַדער אָפּלייקענונג דעם צוגאַנג צו פאַרמאָגן.**
אין אַ סך פאַלן, איז דער עקספּלואַטאַר אַ קרוב אַדער אַ באַקאַנטער. דער אַלטער קען אויך ב'עוולה'ט ווערן דורך אַכט־געבער אַדער אַנדערע פאַרגלויבטע נאמנים ווי אַדוואָקאַטן אַדער בערזע־מעקלער. שווינדלען ווערן דורכגעפירט דורך מענטשן וואָס זענען מעיקרא פרעמדע אָבער קענען פראוון אויפזושטעלן אַן אָנגייענדע שייכות מיטן עלולר'דיקן אַלטן אַדער באַגרענעצטע דערוואַקסענעם בכדי זיי ווייטער צו עקספּלואַטירן.

## וואָס קען געטון ווערן?

אַרטיקל סאָציאַלדינסט אַפּטיילונגען, דורך זייער Adult Protective Services (APS) פּראָגראַם, וועלן נאָכפאָרשן ווענדונגען איבער חשדות פון עקספּלואַטאַציע פון באַגרענעצטע דערוואַקסענע, פון 18 יאָר און העכער וועלכע לעבן אין דער קהילה. העכער 60 פּראָצענט פון די APS קליענטן וואָס זענען באַדינט געוואָרן אין ניו יאָרק זענען עלטער פון 60 יאָר.

APS וועט אָפּשאַצן דעם מצב, און אַראַנזשירן די נויטיקע באַדינונגען. אויב מען איז חושד אַז אַ פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן, וועט מען ווענדן דעם ענין צו דער פּאָליציי. אויב אַ ווענדונג קומט איבער אַ דערוואַקסענעם וואָס איז נישט באַגרענעצט, וועט דער APS העלפן דעם מענטשן דורך פאַרבינדן עם /זי מיט די פּאַסיקע קהילה באַדינונגען ווי אַ שטייגער דער אָפּיס פון עלטער ווערן.

**פאַר אינפאָרמאַציע אויף באַשיצן עלטערע און עלולר'דירע דערוואַקסענע אַדער צו מעלדן איבער אַ חשד פון פינאַנציעלע עקספּלואַטאַציע, פאַרבינדט זיך מיטן Adult Protective Service ביי דעם געגנטס אָפּטיילונג פון סאָציאַלדינסט אין אייער געגנט, אָדער מיטן Human Services Call Center: 1-844- 697-3505 אָדער אין ניו יאָרק סיטי פאַרבינדט זיך מיטןHuman Resources Administration (HRA) צענטראַלער אויפנעם: 1-212-630-1853.**

## מעלדן וועגן פאַרדעכטיקע פאַלן

אַיעדער מענטש וואָס באַקומט זאָרג אַז אַן אַלטער אָדער אַ דערוואַקסענער אינוואַליד ווערט עקספּלואַטירט זאָל גלייך אָנרופן דעם APS ביי דער אָרטיקער אָפּטיילונג פון סאָציאַלדינסט.

Social Services Law 473-b שעצט אימוניטעט פון בירגערלעכן אחריות פאַר יעדן מענטש וואָס מיט גוטע כוונות מעלדט אָן איבער אַ דערוואַקסענעם וועלכער ער גלייבט קען אפשר באַדאַרפֿן שיץ באַדינונגען.

APS איז מחויב אין פאַל פון מעלדונגען וואָס זענען בבחינת פיקוח נפש אָנצונעמען מיטלען ביז 24 שעה פון ווען זיי האָבן דערהאַלטן די אינפאָרמאַציע.

ביי אַנדערע מעלדונגען, אַ נאָכפאָרשונג הייבט זיך אָן ביז 72 שעה, און אַ וויזיט צום הויז פון דעם קליענט ווערט אַדורכגעפירט ביז דריי אַרבעטס־טעג.

אַן אָפּשאַצונג ווערט דורכגעפירט ווערן וועגן דעם דערוואַקסענעמס באַגרענעצונגען, עלולר'קייט צו באַלעסטיקונג, גרייטקייט אָנצונעמען הילף, און דער מעגליכקייט פון אַנדערע צו העלפן אין באַשיצן דעם מענטשן.

פאַרשידנאַרטיקע באַדינונגען און אינטערוועניצן זענען בנמצא, געוואָנדן אויף די אומשטענדן אין יעדן הויזגעזינד.

## וויאַזוי קענען אַרבעטער פון פינאַנציאַלע אינסטיטוציעס העלפן?

אַרבעטער אין פינאַנציאַלע אינסטיטוציעס זענען אין אַ יחיד־במינו'דיקן שטאַנד צו וויסן פריער פון פינאַנציעלער באַלעסטיקונג פון עלטערע און באַגרענעצטע דערוואַקסענע. אַזעלכע אַרבעטער מיט קאָנטאַקט מיטן קליענט זעען אָפט סיטואַציעס וואָס אַנטוויקלען זיך, וואו זיי גלייבן אַז אַ קליענט איז אין אַ ריזיקע. אַן אַרבעטער מוז זיין וואַך צו פאַרדעכטיקע אויפפירונגען אַדער באַנקינג אַקטיוויטעטן וואָס קענען אפשר צייגן אַז פינאַנציעלע באַלעסטיקונג קומט דאָ פאָר. פינאַנציעלע אינסטיטוציעס קענען העלפן באַשיצן זייערע קליענטן דורך אויפשטעלן אַ פּראָטאָקאָל פאַר אַרבעטער צו אידענטיפיצירן און באַריכטן פאַרדעכטיקע פאַלן פון פינאַנציעלע עקספּלואַטאַציע פון עלטערע/באַגרענעצטע צו אַ באַשטימטן פאַרוואַלטער. דער פאַרוואַלטער וועט באַשליסן אויב עס איז דאָ גענוג אַ סיבה זיך צו ווענדן צו APS, אַדער אין אַ נויטפאַל, צו דער פּאָליציי.

APS וועט אָפּשאַצן דעם מצב און וועט מעגליך דאַרפן צוטריט צו פינאַנציעלע רעקאָרדן וואָס זענען נוגע צו דעם מענטש איבער וועלכן מען האָט געמאָלדן.
וואָן מעגליך, וועט מען קריגן אַן אַרויסזאָג פּאַרמולאַר פון דעם קליענט. פונדעסטוועגן, אויב דאָס וועט נישט זיין שייך, וועט דער APS פאַרלאַנגען די פינאַנציאַלע רעקאָרדן על־פּי Federal and State Law and Banking Law 4, אַדער פון דער שטאַט געזעץ אַריינרעכנדיק Social Services law 144-a און פינאַנציאַלע אינסטיטוציעס פאַרזשטעלן געווויס אינפאָרמאַציע צו סאָציאַלדינסט באַאַמטע. APS וועט נוצן אינפאָרמאַציע צונויפגעזאַמלט פון אינטערוויוען אויף צו באַשטימען צי דאָ איז טאַקע פאָרגעקומען עקספּלואַטאַציע און צו אַנטוויקלען פּלענער ווי צו רעכט צו שטעלן די אידענטיפיצירטע פּראָבלעמען.